76 P(151

רבי

עזריאל מיט דעם בער

אצווייטע געשיכטע

פון ר' חיים בעל תשובה

און אדריטע

פון ר' זונדיל חסיד

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

709

Азріэлъ и Медвѣдъ.

Расказъ соч. М. Глика.

Соб. и изд. Ф. Мацъ

ВИЛЬНА.

Типографія Л. Л. Маца, Завальная 30. 1914 г.

געשיכטע פון ר׳ עזריאל

אין דעם יאהר פינף טויזענד זיבן און זעכציג האט געוואוינט אין א שטאט אגביר וואס מען האט איהם גערופן מיט דעם נאמן ר׳ עוריאל, דיזער מאן וואהר איין גרויסער גביר און דער צוא וואהר ער אויך זייער איין נאטס פארכטיגער מאן ער האט אפגעהיט יעדער מצוה וויא נייטיג איז צו טאן אויב שוין ער איז איין גרויסער גביר געוועזן און פלעגט רייזען אין דיא ווייטסטע לענדער זיין געשעפט צוא מאכין, אבער דאך האט ער ניט פאר פעלט אב צוא היטען יעדער מצוה וויא נייטיג איז.

איין מאהל איז אים אויס געקומען אב צוא פארין גראדע אום דאנערשטאג צוא מאכין איין ווייטע רייזע האט דאס איהם דיא מעשה זייער פאר דראסין דאס ער זאל מוזין ארוים פון זיין הויזע אזו נאהענט צוא שבת, און אב האלטין ביז נאך שבת איז ניט מיגלאך געוועזן ווייל עס איז איהם געשטאנען פיל געלד צו פארלירען ווען ער זאל מיט איין טאג שפעטער ארוים פארין פון זיין הויז האט ער זיך גאר קיין עצה ניט געקענט געבין, וויא ער זאל דא מאכין אלזא איז ער אוועק צום רב פון שטאט און האט איהם ערצײלט דיא געשיכטע דאס ער האט זייער פיל שבר לב ווייל עס קומט איהם אויס ארוים צו פארין דאנערשטיג און ער וויל אזו נאהענט צום שבת ניט ארוים פארין, און אב צו לייגען עס מיט א טאג שפעטער איז אום מיגלאך, דען ווערט ער זייער פיל שאדין האבין, על כן ווייס ער זיך ניט וויא איין עצה צו געבין.

עזריאל

הער

העער צו מיין קינד – זאגט אים דער רב — פארין קאנסט דו גאר זאלסט מיט נעמין דרייא חלות און נאט ברוך הוא וועט דיר שוין העלפין, און דער גביר האט זיך זייער בעדאנקט בייא דעם רב און האט זיך מיט איהם זייער שיין גיזעגענט און איז מיט דיא תשובה צוא הויזע גיקומען און האט גלייך גיהייסען מען זאל איהם דרייא שיינע חלות אויס באקין, דען ער מוז אויף דער רייזע זיך פארטיג מאכין און מען האט פאר נעווים אזו געטאן, דער צוא האט מען איהם מיט גינעבין דיא איבעריגע קאכטין וואס נור נייטיג איז, און ער איז זיך אוועק נעפארין מיט גרויס אונצופרידענהייט, און פערטראכטערהייט איז ער אזו לאנג געפארין ביז דער פערד איז זיך אראפ פון רעכטין וועג, און ער איז אריין נעפארין אין וואלד אריין, און יעצט אין אדעכטע צייט ארום האט ער זיך ארום גיזעהען דאס ער בלאנזעט, און ער איז אזו געפארין אין וואלד דיא גאנצע נאכט, און ער האט קיין וועג געפונען צרויס צוא פארין פון וואלד, און אויף מארגען האט ער ווייטער גיבלאנזעט אין וואלד נאר אן אוועג עס איז איהם געווארין זייער ביטער צום מוטה, דען עס איז שוין באלד פבייטיג פאר נאכט, און ער האט ניט קיין ארט וואו שבת צו האלטין, ער זוכט איין ארט וואו עס איז אגרוב אדער אשטיין ער זאל דארטין קאנען זיין שבת אפ ריכטען דען אזו אין וואלד האט ער מורא פאר חיות רעות זאלין איהם ניט צו רייסין, ער געפינט אבער קיין ארט.

וויא ער פארט אזו מיט אצובראכענע הארץ דער זעהט ער פון ווייטין איין קליין שטיבעלע, האט ער זיך זייער דער פרייד און פארט געשווינד צו דיא שטיבעלע צו, און קריכט ארויס פון פור און גייט גלייך אין שטוב אריין, אזו געפינט ער אין שטוב זיצענדיג איין אלטע פרויענצימער בייא דעם אייבין און קאכט עסין, וויא ער איז אזו אריין גיקומען אין שטוב, זאגט ער צו דיא פרויא מיין ליבע פריינדין וואלט ניט סינלאך

זַיין אִיךְ זָאל קָענִין בַּייא אַייךְ אִין שְׁטוּבּ שַׁבָּת הַאלְטִין , דְעז אִיךְ
פָּאר אִין אַגְרוּיסֶען גֶישֶׁעפְט , אוּנ אִיךְ הָאבּ דָא פַאר בְּלָאנְזֶעט
אִין דֶעם וַואלְד , אוּנ אִיךְ בְּלָאנְזֶע שׁוֹין אַרוּם פוּן נֶעכְטִין אָן ,
אוּנ עֶס אִיז אוּנְמִיגְלַאךְ אַרוֹיס צוּ קוּמֶען פוּן וַואלְד , אוּנ יֶעצְט
אִיז שׁוֹין בַּייא אוּנְז שַׁבָּת טָאהר אִיךְ וַוייטֶער נִיט פָּארִין , אַזוֹ
מוּז אִיךְ דָא בַּייא אַייךְ אִיבֶּער שַׁבָּת פֶערְבְּלַייבִּין , עֶסִין הָאבּ אִיךְ
מַיינֶע אַייגֶינֶע , אוּנ דַאן וֶועל אִיךְ דֶער פַאר גוּט בֶּעלָאהנֶען ,
אוּנ קַיין אִיבֶּערִיגֶען אָרְט וֶועל אִיךְ אוֹיךְ נִיט פַאר נֶעמִין •
דִיא פְרוֹיא זָאגְט צוּ אִיהם יַא מַיין לִיבֶּער הֶערר מִיט דִיא
גְרֶעסְטֶע עֶהְרֶע קֶענֶען זַייא בַּייא מִיר שַׁבָּת הַאלְטִין אִיךְ וֶועל
אַייךְ אַיין פַארַארְדֶענְטְלִיכֶען צִימֶער אָפּ גֶעבִּין , אוּנ אִיהר קָאנְט זִיךְ
דָארְטִין אוֹיס רוּהֶען אִיבֶּער שַׁבָּת זַייעֶר אָרֶענְטְלִיךְ •
גַאנְץ רֶעכְט זָאגְט דֶער סוֹחֵר צוּ דִיא פְרוֹיא , אוּנ בַּאדַאנְקְט
זִיךְ בַּייא אִיהר פִיל מָאהְל אוּנ גַייט גְלַייךְ אַרוֹיס , אוּנ שְׁפַּאנְט
אָבּ זַיין פֶערְד , אוּנ גִיט אִיהם עֶסִין אוּנ טְרִינְקֶען , אוּנ נֶעמְט
אַרוֹיס פוּן זַיין פוּר דֶעם רַייזֶע זַאק זַיינֶעם אוּנ גַייט אִין שְׁטוּבּ
אַרַיין , זִיא פִירְט אִיהם אַרַיין אִין אַשֵׁיינֶעם צִימֶער , אוּנ זָאגְט
צוּ אִים אָט דָא קָאנְט אִיר שַׁבָּת הַאלְטִין , אוּנ דֶער סוֹחֵר פְרֵייד
זִיךְ זַייעֶר דָאס גָאט ב"ה הָאט אִיהם צוּ גֶעשִׁיקְט אַיין אָרְט וואו
שַׁבָּת צוּ הַאלְטִין עֶר זָאל נִיט דַארְפִין פַאר שְׁטֶערִין שַׁבָּת , אָבֶּער
עֶס דוֹיעֶרְט נִיט לַאנְג אוּנ דֶער סוֹחֵר הֶערְט זַייעֶר אַשְׁרֶעקְ-
לִיכֶען זִינְגֶעַרַייא אוּנ אַשְׁפִּילֶעַרַייא , דָאס עֶס הָאט אִיהם זַיינֶע
אוֹיעֶרִין פֶערְטוֹיבְּט פוּן דֶעם גֶערוֹיש , עֶר קָאן זִיךְ גָאר נִיט פַאר
וואוּנְדֶערִין פוּן וַואנֶען עֶס קוּמְט דָא אַן אַפוּלְק מֶענְשִׁין , אוּנ
וָואסֶערֶע מֶענְשִׁין דָא קוּמֶען , עֶר זִיצְט גָאר וִויא אַצוּמִישְׁטֶער ,
אָבֶּער עֶס הָאט נִיט לַאנְג גֶעדוֹיעֶרְט , אוּנ דֶער גַאנְצֶער מוּזִיק אִיז
אִין שְׁטוּבּ אַרַיין מִיט אַיין שְׁרֶעקְלִיכֶען רַעַשׁ אוּנ זָאגִין צוּ דִיא
אַלְטֶע , פְרוֹיא מוּטֶער וָואס פַאר אַיין פוּר שְׁטֵייט דָא אִין דְערוֹיסִין
בַּייא אוּנְזֶער טִיר , עֶס אִיז זַייעֶר גוּט מַיינֶע לִיבֶּע קִינְדֶערְלַאךְ , זָאגְט
עֶזְרִיאֵל

.יא צו זיא — מיר האבין באקומען ארעכטין פיש אגוטע שטיקיל
סחורה, דען דא איז פאר בלאנזעט בייא אונז איין יוד אסוחר ער
ווייכט אוים זייער רייך צוא זיין, ער מוז פאר גיווים פיל געלד
האבין מיט זיך, דען ער זאגט דאס ער פארט אין אויסין
געשעפט, אונ ער איז דא געבליבין איבער שבת איך האב
איהם אריין גענארט אין צימער אריין, אונ אז איהר וועט אב
עסין אוועקט ברויט וועט איהר איהם אפ טאן זיין רעכט דער
וייל לאז ער הוקען אין צימער, זייער גוט. אונזער גוטער —
ענטפערין זיא איהר — אונ גייען גלייך אריין אין צימער מיט
פערקריצטע צייגער, אונ דער לאנגען איין גישרייא צו אים, וויא
קומסט דוא אהער דוא יוד אין אונזער הויז, דוא האסט דיך
דיין טויט אליין אויף גיזוכט, אונ דוא האסט דאס אויך גיפונען
דען מאך זיך פארטיג צום טויט, האבט דוא פיל געלד בייא זיך?
דער סוחר האט זיא מן הסתם ניט גיקאנט ענטפערין פיר גרויס
שרעק, דען אויף זייער אן זעהען אליין האט ער שוין באקומען
דעם טויטין גישטאלט, אונ ער האט זיא קיין ווארט גיקענט
ענטפערין, נא זאגין זיא צוא איהם וואס ענטפערכט דוא אונז
ניט וואס מיר פרעגין דיר, „וואס זאל איך אייך מיינע ליבע
הערין ענטפערין — האט ער צוא זיא גיזאגט קאם ארויס
ביידענדיג — נאכהער וויא ער האט עטוואס דעם אטהעם גישעפט
האט ער זיא גיזאגט איך בין אין אייערע הענט איהר קענט
מיט מיר טאן וואס איהר ווילט, נאר דיא איינציגע גיפעליקייט
וואלט איך אייך וועלין בעטין דאס איהר זאלט מיר נאך לאזין
לעבין ביז איבער שבת, את נאכהער וועט איהר דאך אייך ניט
פאר זאמען צוא טאן וואס איהר וועט וועלין, דער וייל וועל
איך גאט בעטין, איך וועל מיר מתודה זיין אויף מיינע עבירות
פאר מיין טויט, ניין האבין זיך דיא גזלנים אב גירופען מיר
קאנען דיר דאס ניט נאך געבין, דוא מוזט גלייך גיטייט ווערין,
ער האט אבער אן גיפאנגען זייער שרעקליך צוא וויינען, אונ זיך

צוא

צוא פֶעסֶין כּייא זַייא דָאס זַייא זָאלין אִיהם אִיבֶּער שבת זָאזִין לֶעבִּין, הָאט זִיךְ דֶער עֶלְטְסְטֶער מַאן אָבּ גִירוּפִין מִיר וָועלין דִיר לָאזִין לֶעבִּין אִיבֶּער שבת הָאט עֶר זַייא זַייעֶר גִידַאנְקְט, אונ זַייא זַיינֶען גְלַייךְ אַרוּיס פון זַיין צִימֶער אונ אִין אַקְלֵין וַוייְלֶע אַרוּם הָאבִּין זַייא אַרַיין גֶעפִירְט צוא אִיהם אִין צִימֶער זַייעֶר אַיין גְרוּיסִין בֶּער דָאס עֶר אִיז בַּאלְד פַאר שְׁרֶעק גִישְׁטָארְבִּין וָועהָעגְדִיג דֶעם בֶּערִין, דֶען זַיין גְרוֹס אִיז זַייעֶר מְשׁוּנְהָדִיג עֶס הָאט אִיהם פְרַאסְט זַיינֶע בֵּיינֶער צוא צִיטֶערְט פַאר שְׁרֶעק אונ זַייא זָאגִין צוּם בֶּערִין הִיט דֶעם מֶענְטְשִׁין זַייעֶר רִיכְטִיג, אונ זַייא גֵייעֶן גְלַייךְ וִוידֶער אַרוּיס אונ גֵייעֶן עֶסִין זַייעֶר אַוָּועקְד בְּרוּיט מִיט גְרוּיס אַפֶּעטִיט אונ מִיט גְרוּיס פְרַייד.

אוּנְזֶער אָרֶעמֶער עֶלֶינְדֶער עזריאל אִיז זִיךְ גֶעבּאךְ גִיבְּלִיבִּין זִיצִין אִין זַיין צִימֶער וִויא אַיין צוּמִישְׁטֶער עֶר הָאט דָא גָאר נִיט גִיוואוּסְט וָואס דָא טוּט זִיךְ מִיט אִיהם פַאר צוא מִישְׁתַּקִיט, קַאם הָאט עֶר זִיךְ אָבּ גִיצוּבֶּעט אַזוֹא וִויא פוּן שְׁלָאף, דֶען אִיז עֶר אַרוּיס מִיט אַשְׁרֶעקְלִיכִין גִיוַויין אונ יָאמֶער דָאס דִיא וָועלְט הָאבִּין כִּמְעַט מִיט אִיהם גִיוויינְט אויף זַיין עֶלֶענְדִין צוּא שְׁטַאנְד, אונ אַז עֶר הָאט זִיךְ רֶעכְט אוּיס גִיוַויינְט, דֶען הָאט עֶר זִיךְ דֶער מָאנְט דָאס הַיינְט אִיז שבת אונ זָאגְט צוּא זִיךְ אַלֵיין וָואס עֶס וָועט זִיךְ מִיט מִיר מַאכִין מוּז שוֹין אַלְץ גוּט זַיין, דֶען גָאט ברוךְ הוא אִיז גִירֶעכְט אונ זַיין מִשְׁפָּט אִיז גִירֶעכְט, דֶער וַוייל וָועל אִיךְ שבת נִיט פַאר שְׁטֶערִין, אִיךְ מוּז דֶעם לֶעצְטִין שבת פַאר מַיין לֶעבִּין רֶעכְט עֶרְלִיךְ הַאלְטֶען, אונ עֶר שְׁלָאגְט זִיךְ אַרוּיס פוּן זַיינֶע גִידַאנְקֶען דֶעם מָרוּיעֶר, אונ שְׁטֶעלְט זִיךְ מְקַבֵּל שַׁבָּת זַיין מִיט אַיין הויךְ קוֹל אונ דַאוֶוענְט גְלַייךְ נָאךְ דֶעם מַעֲרִיב מִיט גְרוּיס הִתְלַהֲבוּת, אונ וִויא עֶר הָאט אָפּ גִידַאוֶוענְט אַזוֹא הָאט עֶר זִיךְ גִיוַואשְׁין אונ הָאט קִידוּשׁ גִימַאכְט אִיבֶּער דִיא חַלוֹת וָואס עֶר הָאט פוּן צוּא הַיינְע מִיט גִינוּמֶען, אונ הָאט עֶטְוָואס גִיגֶעסִין אִיבֶּער גֶונַאלְד

עזריאל נאר

נאָר שבת נִיט צוּא פאַר שְׁטֶערִין , דֶען וואו הָאט אִים גִיקאָנ־
קְרִיכִין עֶסִין אִין אַזוֹא אַיין לַאנְגֶע וִויא עֶר טָאר , נָאך דֶעם
עֶסִין הָאט עֶר זַיינֶע זְמִירוֹת גִיזוּנְגֶען וִויא גֶעוואוינְלִיך אִיז ,
אוּנ דֶער בֶּער שְׁטֵייט אוֹיף זַיינֶע צְווייא פִים אַהִין גִישְׁטֶעלְט
אוּנ לָאזְט נִיט אַרָאפּ אַיין אוֹיג פוּן אִיהם , עֶר נֶעמְט אַיין
שְׁטִיק חַלָּה מִיט פְלַייש אוּנ דֶער לַאנְגְט דֶעם בֶּער עֶר זָאל
עֶסִין , אָבֶּער דֶער בֶּער נֶעמְט נִיט עֶר הָאט כְּלוֹמֶערְשְׁט אָבּ גִיגֶעסִין
עֶר הָאט זַייעֶר גֶערִינְגְט אָפּ גִיבֶּענְצְט אוּנ הָאט זִיך גִילֵייגְט
שְׁלָאפִין , וָוער קֶען דָאס נִיט פַאר שְׁטֵיין , וִויא דֶער שְׁלָאף
זָאל אִיהם קְרִיכֶען אִין זַיינֶע אוֹיגִין , דָאס עֶר ווייס אַז דָאס
אִיז שׁוֹין דִיא לֶעצְטֶע נַאכְט פוּן זַיין לֶעבִּין , עֶר אִיז גִילֶעגִין
אִין טוֹיזִינְדֶע גִידַאנְקֶען דִיא גַאנְצֶע נַאכְט , דָאס עֶר הָאט שׁוֹין
קָאם דֶעם טָאג דֶער וַוארְט , אוּנ וִויא עֶס אִיז נָאר טָאג
גִיוָוארִין אִיז עֶר אוֹיף גִישְׁטַאנֶען אוּנ הָאט אָבּ גִידַאוִוינְט ,
אוּנ הָאט ווַייטֶער קִידוּשׁ גִימַאכְט , אוּנ הָאט זִיך אָבּ גִיגֶעסִין
מִיט דֶעם זָעלְבִּין אַפֶּעטִיט וִויא עֶר הָאט אוֹיפִין אָוֶוענְד גִיגֶעסִין ,
עֶר הָאט ווַייטֶער דֶער לַאנְגְט דֶעם בֶּערִין אַשְׁטִיק חַלָּה מִיט
פְלַייש , אָבֶּער דֶער בֶּער הָאט נִיט גִינוּמֶען , נָאך דֶעם
עֶסִין הָאט עֶר פַאר בְּרַאכְט דֶעם גַאנְצִין טָאג אִין תּוֹרָה אוּנ אִין
תְּפִלָּה מָאן צוּא גָאט , עֶס אִיז אִיהם אַזוֹא אִיבֶּער גִילָאפִין דֶער
לֶעצְטֶער טָאג פוּן זַיין לֶעבִּין , דָאס עֶר הָאט זִיך נָאר נִיט אַרוּם
גִיזֶעהֶען וִויא דֶער טָאג אִיז אִיהם אַוֶועק , אוּנ וִויא עֶס אִיז
שׁוֹין גִיקוּמֶען פַאר נַאכְט הָאט עֶר זִיך שׁוֹין מֶער נִיט גֶעקָאנְט
אַיין הַאלְטִין פוּן וַויינֶען , אוּנ הָאט אַרוּס גִיפְלֵייצְט מִיט אַגִיוַויין
אוּנ אַשְׁרֶעקְלִיכִין קְלָאג דָאס גָאט ב״ח אַלֵיין הָאט אִיהם טַאקֶע
גִימָאנְט עֶנְטְפֶערִין אוֹיף זַיין עֶלִינְד , דֶען עֶר הָאט זִיך גִינוּמֶען
דֶער מָאנֶען וִויא זַיין פְרוֹיא מִיט זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלִין נִיט ווִיסִין
וואו עֶר אִיז אַהִין גִיקוּמֶען , אוּנ וִויא זֵייא בְּלַייבִּין עֶלִינְד אוּנ
דֶער צוּא אוֹיך אָרֶעם , דֶען זַיין גַאנְצִין פֶערְמֶעגֶען ־ טָאס עֶר

זאט מיט זיין גרויס מיהע ערוואָרבין זיך בלייבט אין דיא הענדע פון דיא פערדערס , אונ ער קען אפילו צוא קבר ישראל ניט קומען , דאס זיינע קינדער זאלין ווייניגסטענס גיין בעפייבסין זיין קבר מיט זייערע טרערין , יעצט וועלין זייא גאר ניט וויסען וואו ער איז הין גיקומען האט ער אזוא גיוויינט אונ גישריען דאס ער איז הינגעפאלין אויף דער ערד , אונ איז געבליבין ליגען אן כוחות , ער איז אזוי געליגען אַרעבט צייט ביז ער איז עטוואס צוא זיך גיקומען , אונ דען איז ער ווייטער אויף גישטאנען , אונ האט אפ גידאווינט מנחה מיט זייער אצובראכענע הארץ , אונ האט זיך גיוואשען אונ זיך גיזעצט עסין שלש סעודות זאטערהייט מיט טרערין אונ געוויין , טראכט ער ביא זיך זאל ער ווייטער פרובין געבין דעם בער אשטיקיל חלה , נעמט ער איין שטיק חלה אונ דער לאנגט איהם דען ער האט זיך גיטראכט וואס קען ער אנווערין וועט ער נעמען איז רעכט , אונ ווען ניט ניט , ער דער לאנגט דעם בער דיא שטיק חלה איז ער גיווארין העכסט פערוואונדערט וויא ער האט ערזעהן , דאס דער בער האט עס מיט גרויס לוסט איינגעשלונגען וויא ער וואלט שוין פון פיל טעג ניט גיגעסין אזוי טראכט ער ביא זיך איך וועל איהם געבין נאך , ער גיט איהם נאך איין שטיק חלה מיט פלייש , אונ דער בער האט דאס אלין מיט גרויס אפעטיט איין געשלונגען , אונ ער האט אב גיבענטשט מיט גרויס גיוויין , דער נאך האט ער גינומען תהלים זאגין , אונ דער בער האט זיך שוין ארונטער גילאזין אויף אלע פיר פיס , אונ ער האט זיך אב גיצויגן פון איהם אן אזייט .

וויא דער ר' עזריאל האט גיזעהען דאס דער בער איז שוין גיווארין מיט איהם אביסיל בעקאנט אונ ער היט איהם שוין ווייניג וואס, האט ער געפרובט ארויס גיין אין דרויסין דען ער האט גיטראכט ביא זיך וואס קען שוין זיין ערגער וויא שלעכט זעט ער איהם צוריסין איז פערפאלין דען וואס קען ער זיך ערגע

עזריאל — מאכין

מאכין , דען גלייך קאם ער נאך אמאלע שטארקע צוא לויפן ער
איז ארויס גיגאנגען אין דרויסען אונ האט גיגעבן דעם פֿערד
זייטעם עסין אונ ער איז צוא ריק אין שטוב אריין אונ דער בער
איז אים אלץ נאך גיגאנגען אונ האט אים קיין זאך ניט געטאן
אונ קיין מענש איז צוא הויז ניט גיוועזן דען זייער מוטער איז
אויך גיוועזן אויס געגאנגען , אונ וויא ער איז אין שטוב
אריין האט ער זיך גינומען באדיינקען איך וועל אקארשט פרובין
אוועקפֿארין פון דאנען איך וועל זעהען וואס גאט ב"ה וועט מיט
מיר מאכין ער האט אפ גידאוונט מעריב זייער גערינסט אונ
האט גימאכט הבדלה אונ דאן איז ער ארויס מיט זיין רייזע
טאש אין דרויסן אונ האט איין גישפאנט זיין פֿערד אונ דער
בער גייט אים אלץ נאך ער פאקט אריין דיא גאלד אונ זילבער
אונ דימענטין פון הויז אלץ אין פֿור אריין ביז איין האר אונ
ער זעצט זיך אריין אין פֿור דער בער קוקט אונ שווייגט , אונ
ער נעמט פֿארין , אבער דער בער גייט נאך , ער פֿארט אין
איינע שרעק קאם איז ער אב געפֿארין א מייל פון דיא הייזיל
דער הערט ער דעם זעלבין זינגען אונ קלינגען פון זיינע ליבע
נעכט נאך מיט מער פרישקייט נוא בלייבט ער שטיין ערציטערט
דאס זיין נשמה איז אים באלד פון שרעק ארויס עס האט ניט
לאנג גידויערט אונ ער האט זיא שון ניקראגין צוא זעהן אויך
מיט דיא אויגן . זיא האבין אים דערזעהען זיינען זיא גיווארין
שרעקליך אין כעס אויף אים אונ גיבין אגרויסען געשרייא אויף
אים וואס איז דאס דוא ווילסט גאר אנטלויפין פון אונז ווארט
מיר וועלין שון וויסען וויא מיט דיר זיך צוא בעגיין , אונ
נעמען זיין פֿור אונ קערין אים צוא ריק צו הויז , אבער באלד
דארויף האבין זיא דער זעהען דעם בערין וואס ער איז נאך
גיגאנגען הינטערין פֿור זיא האבין זיך זייער פֿאר וואונדערט
וויא אזוי ער האט צוא זאמען געשטימט מיט זייער בערין ,
נאכהער וויא זיא דיינקען דא וואס זיא זאלין מיט אים טאן

געבען זיא אזאג צום בערין געם אונ צוא רייס אים, אבער דער שטייט אונ קוקט אונ ריקט זיך ניט פון ארט, פלוצלונג איז ארויף געקומען דעם סוחר אויף דעם זינען דאס ער זאל פרובען דעם בערין הייסען זייא צוא רייסען דען ער זעט דאך עפעס פון בערין צוא פיל טרייהייט פילייכט האט גאט איהם זיין הילף געשיקט דורך דעם בערין ער האט גיהייסען דעם בערין מיט אבעפעל שטימע „צוא רייס זייא" אונ דער בער איז אויף זייא ארויף גיפאלין מיט גרויס צארין אונ האט זייא צוריסין אלעסען וויא אקאץ אמויז; דער סוחר האט זיך ניט גיקענט פאר וואונדערין אויף גאטעס הילף ער איז אנידער גיפאלין אויף דער ערד אונ האט מיט טרערין גידאנקט דעם באשעפער דער וועלט דאס ער האט איבער גיגעבין דיא אלע מערדער ביא אים אין דיא הענד, ענדליך האט ער זיך אויף גיהויבין אונ האט זיין רייזע פאר געזעצט דער בער האט אים אלץ מיט גיהאלטין ביז אין דער פריא, דאס מארגענס איז ער ארויס פון וואלד אונ איז אויף דעם רעכטען וועג גיקומען דאן איז ער פארוועריץ גיפארין זיכער צוא הויז דען ער איז שוין גיוועזען גאנץ ניט ווייט פון זיין היים אונ וויא ער האט זיך אום גיקערט פון הינטען צו זעהן דעם בערין אבער זייא פערוואונדערט איז ער גיווארין אז ער האט שוין דעם בערין מער ניט ערוואוסט, ער האט זיך גלייך צו ריק אום גיקערט אפאר וויארסט אונ האט ערוואוסט דעם בערין טויט! ער האט אים זייער בעדויערט אבער ענדליך אז ער האט גיזעהען דאס עס איז שוין פאר פאלין האט ער ניט גיוואלט זיין רעטער לאזין זיך אזוא וועלגערין האט ער אויס גיגראבין אגרוב־ אונ האט איהם דארט בעגראבין אן אזייט טיפער אין וואלד ארייין גייענדיג, ער האט זיין רייזע פארגעזעצט אונ איז בשלום אהיים גיקומען.

מען קען לייכט פערשטיין דיא פריידין וואס ער האט גיהאט זיין שטאט זעהענדיג דען ער האט דאך שוין אים געגעבען

נָאךְ אַמָאל װיךְ צוא זְעהֶען מִיט זַיין פְרויא אונ קִינְדֶער, דֶער צוא הָאט עֶר נָאךְ אַזוא פִיל עֲשִׁירוּת מִיט גֶעבְּרַאכְט עֶר הָאט עֶרְצֵיילְט דִיא פְרויא מִיט דִיא קִינְדֶער וָואס מִיט אִים הָאט פָּאסִירְט אונ עֶר הָאט גָאט גֶעדַאנְקְט פִיר זַיין הִילְף מֶען הָאט זַייעֶר פִיל צדקה צוא טֵיילְט פִיל אָרֶעמֶע לַייט אונ אִין אַלֶע שׁוּלִין, דַאן אִיז עֶר אַוֶועק צוא דֶעם רב פוּן שְׁטָאט אונ הָאט אִים אוֹיךְ דֶער צֵייְלְט דִיא גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע דֶער רב הָאט אִים גֶעזָאגְט דָאס. עֶר הָאט פְרִיעֶר גֶעווּאוּסְט דָאס עֶס וֶועט אִים דָאס פָּאסִירִין דַארוּם הָאט עֶר דְרַייא גָלוּת אִים גֶעהַייסִין נֶעמֶען אונ הָאט אִים גֶעזָאגְט דוּא זָאלְסְט וִויסִין דָאס דֶער בֶּער אִיז אַיין גלגול פוּן אַיין אִידְן וָואס הָאט נִיט גֶעהִיט צוּא עֶסִין שלש סעודות דֶען עֶר הָאט דֶער פוּן נִיט גֶעהַאלְטִין דַארוּם אִיז עֶר מגולגל גֶעוָוארִין אִין אַיין בֶּער אִין יֶענֶעם וַואלְד אונ וִויא בַּאלְד דוּא הָאסְט אִים גֶענֶעבִּין עֶסִין שלש סעודות אִיז עֶר גְלַייךְ מתוקן גֶעוָוארִין אונ דִיא נשמה אִיז אַרוֹם פוּן אִים אִיז עֶר טוֹיט גִיבְּלִיבִּין אונ דוּא הָאסְט רֶעכְט גֶעטָאן וָואס דוּא הָאסְט אִים מקבר גֶעוֶועזֶען. דֶער ר׳ עזראל הָאט נָאךְ דֶעם גֶעלֶעבְּט לאנג אִין עושר אונ אִין כָּבוֹד.

ענדע

חיים בעל תשובה

אין איין געוויסע שטאט האט געוואונט איין יוד וואס מע האט אים גערופין מיט זיין נאמען „חיים" דיזער מאן איז געוועזען זייער איין שלעכטער מענש אונ דער צוא וואר ער אויך איין גרויסער מסור ער פלעגט איטער אוים דיינקען אויף זיין שטאט פאלשע זאכין אונ פלעגט דאס איבער געבין דעם שררה אונ פאר צייטיגע שרים פון פוילין זיינען געוועזין פון אזעלכע יודען העכסט צוא פרידען אום גליקליך צו מאכען זיינע שטאט לייט, בקיצור די יודין פון די שטאט האבין פון אים אזו פיל געליטען גאר אן שיעור ער האט פאר אום גליקט די גאנצע שטאט, דער צו וואר ער אויך א גרויסער אפיקורס ער האט גאנץ ווייניג געהיט אידעשקייט.

—

איין מאל איז ער געריטען בייא דעם שר אין הויף איין צו מאסערין איין יודין, וויא ער איז אזוא געריטען אונטער דער וועגינס דער זעהט ער פון ווייטען וויא איין מענש ליגט אויף דעם וועג אזוא שטייגט ער ארונטער פון פערד אונ גייט צו אים צוא אונ בעזוכט אים, האט ער ערוואוסט דאס ער האלט קוים ביין לעבין, הייבט ער אים אן אויף צו מינטערין, אונ פרעגט ווער ער איז אונ וואס מיט אים איז ענטפערט אים דער מענש איר זאלט וויסען דאס איך בין איין ארעמער יוד איך האב שוין פון אכט טאג גיט געגעסין אונ מיר גייט שוין אוים מיין נשמה פון הונגער אזו נעמט ער ארוים פון זיין ריינזעקטאש ווייס ברוים מיט געבראטענע פלייש וואס ער האט גיהאט מיט גינומען מיט זיך צו פרישטיק אונ האט דער לאנגט דעם ארעמען הונגערינען אונ דער הונגעריגער האט דאס געווים מיט גרוים אפעטיט דאס איין געשלונגען אונ ער האט זיינע אויגין גיעפינט, מיין ליבער פריינט — זאגט דער ארעמאן צוא אים — איך קאן אייך גיט אב דאנקען פיר

אייער

אײַנער מוכח װאָס איר האָט מיט מיר גיטאָן דען איר האָט מיר גירעטעט פון טויט אונ איר האָט מיר נאָר לעבעדיג גימאַכט דער הים איז װײַטער זײַן װעג געריטען אונ האָט דיא מסירה גימאַכט אונ ער איז זיך צו תויזע גיקומען אונ האָט זיך פון דער זאַך גאָר פאַרגעסין אונ ער האָט געפירט זײַן פירונג פאָרװערץ ·

אין אײַניגע יאָהר אַרום דאָס װאַר אײַן טאָג פאַר ערב פסח זאָ זאָגט ער צו זײַן פרויא איך מוז גײן אין דער גיך אָב עסין דען איך מוז גלײַך נאָך דעם הויף גײן איך האָב אײַן גרויסע מסירה דעם שׂרה צו דער צײַלין זאָגט דיא פרויא צו אים גײא אין פאַר הויז צו דעם שראַנק אונ דאַרטין װעסט דוא געפינען װאָס צוא עסין, ער גײט גלײַך צום שראַנק אונ װיא ער מאַכט אים נאָר לויז אַזו דער לאַנגט ער אײַן שפרונג פון שראַנק פאַר גרויס שרעק אונ שטײט אײַן היפּשע צײַט פאַרװאונדערטער הײַט אונ דײַנקט פילײַכט האָט זיך אים דאָס אָב גערוכט דאָס אײַן װײַסער מענש שטײט אין שראַנק ער גײט װײַטער צוא אונ גיט רעכט אײַן קוק ער זעט װירקליך אײַן װײַסער מענש שטײט אין שראַנק אַזוא װערט ער נאָך מער דער שראָקין אונ װאָלט זיך אָב ציהען פון שראַנק, אָבער באַלד דאַרויף הערט ער אײַן קול פון שראַנק זויא מען זאָגט צוא אים שרעק דיך נים דוא זאָלסט װיסען זײַן דאָס איך בין דער אָרעמאַן דער זעלבער װאָס דוא האָסט מיר גירעטעט פון טויט יענע צײַט אונ איך האָב גילעבט נאַכהער אַכט יאָר אונ איך בין יעצט גישטאָרבין אונ איך האָב גיהערט דאָס מען האָט אוים גירופען אין הימעל דאָס דוא ביסט אָב געזאָגט פון עולם הבא אונ דוא בינסט פאַרפאַלין אויף אײַביג ע״כ בין איך דיר געקומען זאָגין דאָס דוא זאָלסט זעהען למה״ש זיבע יאָהר תשובה צוא טאָן דען װעט פאַר געבען װערין דײַנע אַלע עבירות אונ דוא װעסט האָבין עולם הבא אונ איך זאָג דיר דוא זאָלסט מיר גלײַך פאָלגין דען אַז ניט װעט מיט דיר ניט גוט זײַן · דער הים האָט דער הערט נײַנע רייד אַזוא גלײַבט ער שטײן

בעל תשובה

זייער פערוואונדערט אונ שטייט איין רעכטע צייט דער שראקענער
חיים אונ נאכהער קומט ער אין שטוב אריין אונ מאכט קיין שיהות
ניט אונ עסט אב אבענד ברויט אונ גייט אוועק אין בהמ"ד אונ
זעצט זיך לערנען אויב שוין ער האט גאנץ ווייניג גיקאנט דאך
איז ער גיזעסען דיא גאנצע נאכט אונ האט חוק גילערינט אויף
מארגען וויא דיא שטאט לייט דער זעהען וויא דער מוסר חיים
זיצט אונ לערינט אזוא איז עס גיוועזין ביא זייא איין גרויסער
וואונדער מען האט זיך ניט גיקאנט אפ וואונדערין וואס דאס קען
בעדייטען יעדער מענש האט גיזאגט זיין גאנצער שפראך, בקיצור
מען איז גישטאנען ארום אים דעם גאנצין טאג אונ מען האט
גיקוקט וויא אויף אבערין אונ דער חיים קימערט זיך גאר ניט
אונ לערינט פארווערץ מיט גרויס התמדה, זיין פרויא האט גימיינט
דאס ער איז אין הויף אוועק גיפארען אבער וויא זיא האט גיהערט
דיא רייד אין שטאט אונ דיא געלעכטער איבער דיזען חיימען איז
זיא גלייך אוועק גיגאנגען צוא אים אין בהמ"ד אונ האט אים
געזאגט — אונ האט אים דאביא אנגעפאנגען צוא פיטערין דעם
לעבין וואס ער זיצט אין בהמ"ד „וואס איז דיר גיווארין" — זאגט
זיא צוא אים — בינסט דוא דען אויסען זינען גיווארין דאס דוא
האסט דיר גאר אוועק גיזעטצט לערנען פון וואנען זאל איך
יעצט מיט דיא קינדער לעבין איך מוז דאך מיט דיא קינדער
פאר הונגער שטארבין, „זיין מיין ליבע פרויא" — האט ער זיך
צוא איר אב גירופען — דוא זאלסט וויסען דאס עס וועט דיר
ניט העלפין דיין וויינען אונ ריידין דוא קענסט מיר דא זאגין
ווער ווייסט וואס וועל איך פון בהמ"ד ניט ארויס גיין ביז זיבען
יאהר, נור איך בעט דיר מיין ליבע פרויא דוא זאלסט מיר פאלגין
וואס איך וועל דיר זאגין געלט האסט דוא גענוג אונ ווירטשאפט
אין שטוב האסט דוא אויך גענוג ע"כ זאלסט דוא דיך מאכען
איין געשעפט אונ גאט ב"ה וועט דיר צוא הילף זיין אונ דוא
זאלסט מיר שיקען אלע טאג עסין אין בהמ"ד אריין זיבען יאר,

זיין פרויא האט זיינע רייד אויס גיהערט אונ זיא האט ווירקליך אזוא גיטאן, זיא האט זיך גימאכט איין שיינק אין זייער איינענע הויז אונ זיא האט זיך גינערט דער מיט זייער ערענטליך אונ זיא פלעגט אים אלע טאג שיקען עסין אין בתמ״ד אונ ער איז גיזעסין אונ האט גילערינט מיט גרויס התמדה טאג אונ נאכט ער פלעגט נור שלאפין צוויא שטונד אין מעת-לעת מער ניט אויך אנגעטאנערהייט אונ ער איז געוועזין שרעקליך פרום, ער האט אפ געהיט אלע מצות פון דער וועלט אונ ער איז פון בהמ״ד גיהעפט ניט ארויס דיא גאנצע צייט ער האט אזוא גילעבט זיבען יאהר אונטער דער צייט איז ער גיווארין אויך איין גרויסער למדן דאן איז ער גיווארין זייער גיעהרט אונ גרויס אין שטאט דאס מען האט פון אים זייער גרויס גיהאלטין אין גאנץ שטאט, עס איז גיקומען צוא לעטצט זיבען יאהר גראדע ערב פסח וואס פאר נאכט האט זיך באדארפט ענדיגען דיא זיבען יאר האט זיך באדארפט מאכין דאס זיין פרויא האט זיך פאר שפעטיגט אים צו ברייגען עסין געוויינליך דאווענט דער עולם ערב פסח פריא מען זאל בעוויזין דעם המץ אויף צוא עסין דען נאך דעם טאר מען ניט עסין איין גאנצין טאג ער האט מן הסתם אפ גידאווינט גאנץ פריא אונ ער ווארט דאך מען זאל אים ברייגען פרישטאס פון צוא הויז אונ מען ברייגט אים ניט, עס איז שוין דיא אוהר זיבין עס איז שוין דיא אוהר אכט אונ מען האט אים נאך קיין עסין ניט גיבראכט, אזו איז ער שרעקליך אין פערדרוס, אונ וואונדערט זיך דארויף זייער דען ער ווייס דאך עס פלעגט ניט פעלין זיין עסין אין דער צייט אונ ער ווייס דאס עס האט אים אזו וואס קיין מאל ניט פאסירט דאס מען זאל אים אזוא שפעט ברייגען פרישטיק אונ גראדע היינט וואס מען מוז דעם גאנצין טאג פאסטין אונ הונגערין אונ דען איז ער דאך נאך מער הונגעריג דען ער איז דאך אויף דיא גאנצע נאכט אונ מען ברייגט אים קיין פרישטאג ניט ער ווייס גאר ניט וואס דיא מעשה קען זיין,

דִיא אוּהר אִיז שׁוֹין הַאלְבּ נַיין דֶען בַּייגְקֶם עֶר נאָ אִיז שׁוֹין פַאר פַאלְין מֶער קֶען מֶען שׁוֹין נִיט עֶסִין אֲפִילוּ אַז זַייא וֶועלְין אִים שׁוֹין בְּרַיינְגֶען אוּנ עֶר זִיצְט אוּנ לֶערִינְט זִיךְ וַוייטֶער מִיט גְרוֹיס התמדה אוּנ הוּנְגֶערִינְגֶערְהַייט אַיינֶער אַלֵיין אִין בהמ״ד קַיינֶער אִיז נִיט דָא דֶען אַלֶע צוּ גַייעֶן ערב יו״ט צוּ הויז, אִין אַיין רֶעכְטֶע צַייט אַרוּם קוּמְט אַרַיין אַיין הִיפְשֶׁער מַאן אִין בהמ״ד אוּנ גֵייט זִיךְ אַזוֹי אַרוּם אִין בהמ״ד הִין אוּנ צוּא רִיק אוּנ נַאכְהֶער גֵייט עֶר צוּא צוּא דֶעם טִישׁ וואוּ דֶער ר׳ חיים זִיצְט אוּנ לֶערִינְט אוּנ הֶערְט זִיךְ אַזוֹא צוּא וִויא עֶר לֶערִינְט מִיט גְרוֹיס התמדה זָאגְט עֶר צוּא דֶעם ר׳ חיים נֶעמְט מִיר נִיט פִיר אוּם נוּט מַיין לִיבֶּער פְרַיינְד מִיר דוּכְט זִיךְ דָאס אִיר פַאר אִירְט זִיךְ אַבִּיסֶעל אִין פְּשַׁט פוּן דִיא גמרא דֶען דֶער פְּשַׁט אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ ר׳ חיים טוּט אַזוֹא אַבְּלִיק אוֹיף אִים מִיט גְרוֹיס פֶערְוואוּנְדֶערוּנְג אוּנ זָאגְט צוּא אִים אִיךְ מַיין דָאס מֶען קֶען אַנְדֶערְשׁ נִיט לֶערְנֶען דֶעם פּ׳שט פוּן דֶער גמרא וִויא אִיךְ לֶערִין אוּנ עֶס אִיז אַזוֹא גַאנְץ רֶעכְט, נַיין מַיין לִיבֶּער פְרַיינְד זָאגְט עֶר צוּא אִים מֶען קָאן נִיט אַזוֹא לֶערְנֶען דֶעם פּ׳שט דֶען נָאךְ אַייעֶר פשט נָאךְ אִיז דֶער ווִידֶער פוּן אַיין אַנְדֶער גמרא וָואס דָארְטִין שְׁטַייט גְרַאדֶע פַארְקֶערְט וִויא אִיר לֶערִינְט אוּנ מִישְׁט אִים אוֹיף גְלַייךְ דִיא אַנְדֶערֶע גמרא אוּנ צַייגְט אִים דָאס עֶס גַאנְץ נִיט רֶעכְט אִיז נָאךְ דֶעם פשט דִיא גמרא, ר׳ חיים בְּלַייבְּט זַייעֶר פֶערְוואוּנְדֶערְט אוּנ פְרֶעגְט אִים לִיבֶּער פְרַיינְד וִויא דֶען לֶערִינְט אִיר דֶעם פּשט אַנְדֶערְשׁ מִיר דַאכְט דָאס מֶען קָאן גָאר נִיט אַנְדֶערְשׁ לֶערְנֶען, אַךְ יַא וואוּל מֶען קֶען לֶערְנֶען אַנְדֶערְשׁ זָאגְט אִים דֶער יוּנְגֶער מַאן אוּנ פַאנְגְט אִים אָן צוּא זָאגִין דֶעם פשט פוּן דֶער גמרא אַז דֶער ר׳ חיים הָאט זַיינֶע אוֹיגֶען גִיעֶפִינְט עֶר הָאט דָאס אוֹיף זַיין לֶעבִּין נִיט גִיהֶערְט אַזַא גַאנְג אוֹיף דֶער גמרא אוּנ עֶר פְרֵייט זִיךְ זַייעֶר דָאס עֶר אַזַא פשט גִיהֶערְט הָאט, ר׳ חיים בֶּעט בַּייא אִים אוּנ דֶער יוּנְגֶער מַאן זֶעצְט זִיךְ לֶעבִּין אִים אוּנ פַאנְגְט אִים אָן צוּא זָאגִין נַייגְ

אין גמרא אונ אַזעלכֶע גייַעֶ פשטים דאָס ר׳ חיים איז זייַער פַּאר וואונדערט גיוואָרן אויף אים אונ ער פְרעגט אים פון וואַנֶען ער איז אונ וואוהין ער פָארט, דער יונגער מאַן ענטפֶערט אים איך בין פון אַנדערע שְטאָט, רעכט ווייט פון דאנען אונ מיר רופט מען מיט דיזען נאָמען, אונ איך פָאר אין יענע אונ יענע שְטאָט פאר אַרבּ אונ נעמט אַרויס אַפּאַפּיר אונ צייגט אים דאס זייא האָבּין געשיקט נאך אים דאס ער זאל קומען, נוא זאָגט מיר מיין ליבער פְרייַנד — האָט גיזאָגט צוא איהם דער יונגער מאַן — וואָס איז דיא מַעֲשֶׂה וואס איר זיצט יעצט אונ לערינט וואס אַלֶע זייַנען אַזוי בֶּעשֶׁעפְטיגט מיט דעם חָתָן, אונ איר זיצט אַזוי עפּעס מיט אַפַארשְׁפָּאכטען פָּנִים, וויא מיר שיינט אוים.

„איך ווייס ניט וואָס דאָס קען זיין“ — האָט גיענטפֶערט ר׳ חיים — דאָס מיין ווייבּ האָט מיר היינט ניט געשיקט קיין פְרִישְׁטִיג, דער יונגער מאַן נעמט אַרוים פינף גרוֹסֶע בּייגיל פון אונטערין זאק זיינעם אונ לייגט איהם אַרויף אויפען טיש אונ זאגט צוא דעם ר׳ חיים דאס איז מיינע ברייזעקעכט וואס איך האָב אויף דעם וועג מיט גינומען נעמט אונ עסט געזונטער הייט, חיים גיט אַקוק אויף דיא אוהר ער זעהט דאס דיא אוהר איז יעצט האַלבּ צְעהען, ער פָערוואונדערט זיך זייער דען נאך זיין מיינונג נאך האָט דיא אוהר שוין גערַאֲרְפּט זיין צְוועלף, דאך אָבער זאגט ר׳ חיים מען טאר שוין ניט עסן מעהר קיין חמץ, דען עס איז שוין האַלבּ צְעהען דיא אוהר, אונ איך מיין דאס דיא אוהר שְפֶּעטִיגט זיך נאך אויך עס מוז פער געווים שוין מעהר זיין, דער יונגער מאַן נעמט אַרוים זיין אוהר אונ צייגט ר׳ חיים אז דיא אוהר איז יעצט האַלבּ ניין, אונ זאגט צו ר׳ חיים גיין מיין פְרייַנד אייער אוהר לויפט נאך אין אַגאַנצע שְׁטונדע, איהר מעגט נאך לְכָל הַדֵיעוֹת עסין עס איז נאך דא צייט צוא עסין חמץ נאך אַשְׁטונדע, גיין מיין ליבער פְריינד ענטפֶערט איהם ר׳ חיים מען טאר שוין ניט עסין, דען לאז שוין זיין אֲפִילוּ האַלבּ

ניין פאר מען שון אויך ניט עסין , דער יונגער מאן פאנגט אן זייער צוא לאכין פון איהם , אונ זאגט איך מיין אז איך ווייס בעסער אדין וויא איהר , דען איך בין דאך ערב , אונ איך וועל ניט הייסען עסין אין אידין חמץ ווען מען טאר שון ניט מן הסתם אז איך הייס אייך מעגט איהר עסין , דען מן התורה מעג מען עסין ביז צוועלף אודר נאר פון אהרחקה וועגין האבין אונזערע רבנן געאסערט צו עסין נאר ביז האלב ניין , דאס מען זאל ניט קומען צוא עסין ביז נאכט , אונ דאן נייט איהר דאך אויך איין אונס איהר קאנט דאך ניט זיצען אגאנצען טאג ניט גיגעסין אונ לערנען , אונ נאך פאר קערט איר האט אגרויסע עבירה אז איהר וועט ניט עסין , דען איהר וועט דאך דורך דעם מבטל זיין דעם לערנען , דען אז איהר נייט שוואך קענט איהר דאך אזו גוט ניט לערנען על כן זאלט איהר קיין שהיות מאכין אונ נעמט אונ עסט פרישטיג אונ לערינט נאכהער גאנץ פלייסיג , דער ר' חיים האט ניט ווילענדיג זיך געלאזט איבער ריידען אונ איז זיך גינאנגען וואשען אונ וויל עסין , מן הסתם צום אומגליק דארף גראדע קיין וואסער זיין אין האנד פאס , אונ ער האט זיך ניט מיט וואס צו וואשען , „מן הסתם דארף איך דאך ניט עסין" — זאגט ר' חיים צום יונגען מאן — דען עס איז גראדע יעצט ניטא קיין וואסער אין פאס , „נוא וואס איז דען פאר אזו איין מעשה רע אז איהר וועט עסין ניט געוואשין דיא הענד „— זאגט צו איהם דער יונגער מאן — עס וועט דאך דער וויל נאך שפעטער ווערין אז איהר וועט גיין זוכען וואסער ניקעלט איין דיא הענד אין אשנופטוך אונ עסט , דען על פי הדחק מעג מען דאך אזו עסין , אונ איהר זייט דאך אויך יעצט אין אנויט ווא וועט איהר יעצט זוכען וואסער זיך צו וואשען , „איך וועל דא אראפ גיין צום טייך אונ אן שעפין וואסער זיך צו וואשען — זאגט ר' חיים צום יונגען מאן — דען דער טייך איז ניט ווייט פון היר . ליבער פריינד — זאגט דער יונגער מאן צו ר' חיים —

עֶס װֶעט דָאךְ דֶער װַייל שְׁפֶּעט װֶערִין לִיבֶּערְשְׁט עֶסְט אַזוֹ אוּם גֶעװַואשִׁין אַיידֶער עֶס זָאל שְׁפֶּעט װֶערִין. „גֵיין מַיין לִיבֶּער פְרַיינְד, עֶנְטְפֶערְט ר׳ חיים — דָאס װֶעל אִיךְ אַייךְ נִיט פָאלְגֶען אוּנ זִיךְ נִיט לָאזֶען אַיין רֵיידֶען צוּ עֶסִין אָן גֶעװַואשִׁין, אִיךְ װֶעל אַרָאפּ גֵיין בִּיז דֶעם טַייךְ אוּנ אַרוֹיף בְּרֵיינְגֶען װַואסֶער זִיךְ צוּ װַאשֶׁען, אוּנ עֶר לוֹיפְט אִין דֶער נִיךְ אַרָאפּ צוּם טַייךְ אוּנ װִיל אָן שֶׁעפִּין װַאסֶער, אָבֶּער װִיא דֶער שְׁרָאקֶען אִיז עֶר גֶעװָארִין דָאס עֶר הָאט דֶער זֶעהֶען דָארְטִין שְׁטֵייעֶנְדִינ דֶעם זֶעלְבִּיגֶען מֵת װָאס עֶר הָאט גִיזֶעהֶען פַאר זִיבֶּען יָאהר צוּ רִיק אִין שְׁרַאנְק עֶר הָאט זִיךְ פַאר גְרוֹיס שְׁרֶעק נִיט גֶעקָאנְט רִירֶען פוּן אָרְט. „נוּא — זָאגְט דֶער מֵת צוּ אִים — מַיין לִיבֶּער ר׳ חיים הָאט אִיהר פֶערְשְׁפִּילְט דִיא זִיבֶּען יָאהר װָאס אִיהר הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט אָן רֵיידִין פוּן יֵצֶר הָרָע צוּ עֶסִין חמץ נָאךְ הַאלְבֶּען טָאג, אִיהר זָאלְט װִיסֶען דָאס אַייעֶר תְּשׁוּבָה אִיז נִתְקַבֵּל גֶעװָארִין אִין הִימֶעל זֵייעֶר גְרוֹיס, נָאר דֶער שָׂטָן הָאט זִיךְ זֵייעֶר גִישְׁטֶעלְט אַנְטְקֶעגִין װִיא אַזוֹ זָאל מֶען אָן נֶעמֶען אַייעֶר תְּשׁוּבָה דָאס אִיהר הָאט אַזוֹ פִיל מֶעגַשִּׁין אוּנ-גְלִיקְלִיךְ גִימַאכְט אִיז אַרוֹיס אַפְּסַק פוּן הִימֶעל דָאס מֶען זָאל אִיהם שִׁיקֶען אַייךְ פְּרוּבֶען, אוּנ אַז אִיהר װֶעט בַּייא שְׁטֵיין דֶעם נִסָיוֹן זַייט אִיהר אַיין בֶּן עוֹלם הבא, אוּנ אוֹיבּ אִיהר װֶעט נִיט בַּייא שְׁטֵיין דֶעם נִסָיוֹן פֶערְשְׁפִּילְט אִיהר אִין גַאנְצֶען אַייעֶר הָארֶעװַאנִיֶע אוּנ מֶען זָאל אַייעֶר תְּשׁוּבָה נִיט אָן נֶעמֶען, נוּא יֶעצְט הָאט אִיהר אָן גֶעװָארִין אַייעֶר הָארֶעװַאנְיֶע, נָאר דֶער פַאר װָאס אִיהר הָאט זִיךְ נִיט גֶעלָאזְט אָן רֵיידֶען פוּן יצר הרע צוּא עֶסִין אָן גֶעװַאשִׁין הָאבּ אִיךְ דִיא מַאכְט גִיהַאט אַייךְ צוּ קוּמֶען זָאגֶען דָאס אִיהר זָאלְט פוּן דָאס נַייעֶ זִיצֶען זִיבֶּען יָאהר אוּנ לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס התמדה דַאן װֶעט אִיהר גֶעװִיס זַיין אַיין בן עולם הבא נָאר אָן שִׁיעוּר. דֶער ר׳ חיים הָאט אַװָארְף גִיטָאן זַיין בְּלִי מִיט װָאס עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אָן צוּ שֶׁעפִּין דִיא װַאסֶער פַאר גְרוֹיס שבר לב

אונ האט זיך צו ריק גיקערט אין בית המדרש מיט גרויס אומעטיגקייט אונ האט זיך גיזעצט לערנין פון דאס נייא זיבען יאהר נאך מיט אגרעסערע התמדה אונ נאך מיט פיל מעהר פרומקייט וויא פריער, נור וויא ער איז צוריק אין בית המדרש געקומין האט ער שוין קיין יונגען מאן מעהר ניט געפונען אונ אויך ניט קיין ביינגיל אויף דעם טיש אונ ער האט איין בליק געטאן אויף דיא אוהר האט ער דער זעהען אז דיא אוהר איז שוין פיער, איז ער זייער שטארק דער שראקין געווארין אונ האט זיך גלייך גיזעצט לערנען מיט גרויס התמדה אונ מיט גרויס געוויין.

אונ גלייך אין אקורצע צייט ארום האט איהם זיין טאכטער אריין גיבראכט פטהדיגע מיטאג צו עסין, אונ האט זיך פאר איהם פאר ענטפערט פאר וואס זיא האט איהם קיין פרישטיג ניט געבראכט, דען זייא האבין אזעלכע אומשטענדע גיהאט דעם גאנצין מארגין וואס זייא האבין דאס נימאלס גיהאט אין זייער לעבין, דארום זאל איהם קיין וואונדער זיין וואס זייא האבין אים קיין פרישטיג גיבראכט אונ זיא פרעגט איהר פאטער ווארום איז ער אזו שטארק פאר וויינט ווען מען האט אים שוין יוא איין מאהל פערפעלט עסין צו ברייגען דאס האט דאך קיין מאהל פאסירט. ניין מיין קינד — ענטפערט איהר דער פאטער — אונ ער דער ציילט איהר דיא גאנצע געשיכטע וואס מיט איהם געטראפען האט, זיא וויינט זייער ערעקליך אונ זיא האט עס דערציילט אין שטוב דיא גאנצע געשיכטע וואס מיט איהם האט גיטראפען, אונ עס וואר אין הויז זייער טרויעריג דעם גאנצען פסח דאס זייער פאטער קען נאך צו הויזע ניט קומען, אונ ר' חיים האט זיך אפ גילערינט זיינע זיבען יאהר מיט גרויס התמידה אונ מיט גרויס פרומקייט גאר אן איין שיעור, אונ וויא עס איז גיקומען דער זעלבער ערב פסח אין זיבין יאהר ארום נאך האלבין טאג איז ער אין בית המדרש אוועק גישטארבען גאנץ פלוצלונג, אונ

און עס איז געוואָרין אגרויסער רעש אין שטאט, דען עס האבין אלע מענשין געוויינט און געקלאָגט נאך איהם און בפרט זיין פרויא און קינדער. האבין אגרויסע יאמער געטריבען נאך איהם, און דער רב פון שטאט האט נאך אים געמאכט אגרויסין הספד, און מען האט איהם מקבר געוועזן בכבוד גדול, און אין אפאר טעג ארום איז ער געקומען צום רב פון דער שטאט וואס ער איז אגרויסער גאון געוועזין, און האט איהם געזאגט קומט מיט מיר איך וועל אייך מיין ארט אין גן עדן צייגין וויא גרויס און וויא מעכטיג איך בין יעצט, און דער רב האט ניט געקענט אפילו צום טיר צו גיין פון גרויס ליכטיגקייט און לויטערקייט, און ער האט איהם געבעטין אז ער זאל אכטונג געבין אויף זיין פרוי און קינדער זייא זאלין גיין בדרך הישר, און בזכות דעם צדיק זאלין מיר אויך זוכה זיין צו טאן א תשובה שלימה, און עס זאל אויך נתקבל ווערין אמן.

ע נ ד ע

בעל תשובה

גְשִׁיכְטֶע פוּן ר׳ זוּנְדִיל חָסִיד

אִין דֶעם יָאהְר פִינְף טוֹיזֶענְד פִיר הוּנְדֶערְט צְוַוייא אוּנ דְרַייסִיג, הָאט גְעוואוֹינְט אִין דֶער זְרוֹישֶׁער שְׁטָאט שָׁארְגַאוֶע, אַיין גְרוֹישֶׁער מַאן, אוּנ אַיין גְרוֹישֶׁער צַדִיק מֶען הָאט אִים גְערוּפֶען מִיט זַיין נָאמֶען ר׳ זוּנְדִיל חָסִיד, זַיין גְרוֹישׁ פרוּמְקַייט אוּנ זַיין מִדוֹת הָאט גְעקְלוּנְגֶען אִין וַוייטֶע שְׁטֶעט אַרוּם, דִיזֶער ר׳ זוּנדיל הָאט אוֹיךְ גְעפִירְט אַיין גְרוֹישֶׁע יְשִׁיבָה, פוּן גְרוֹישֶׁע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אוּנ מוּפְלָגֵי תּוֹרָה, אוֹיךְ זַיינֶען זייא גִיוֶועזֶען גְרוֹישֶׁע צַדִיקִים, דֶען זַייא הָאבֶּען זִיךְ גֶעהַאט פוּן וֶועמֶען צוּא לֶערְנֶען. צוּא וִוישֶׁין זַיינֶע תַּלְמִידִים, הָאט זִיךְ גִיפוּנֶען אַיינֶער מִיט זַיין נָאמֶען ר׳ אֲבִיגְדוֹר, דִיזֶער מַאן אִיז גִיוֶועזִין זֵייעֶר אַיין גְרוֹישֶׁער גָאוֹן אִין לֶערְנֶען, אוֹיךְ אִין אַלֶע מִדוֹת טוֹבוֹת, עֶר אִיז גְעוֶועזֶען אָפּ גֶעהִיט אִין אַלֶע מִצְוֹת וִויא גִייטִיג אִיז, אִיבֶּער הוֹיבְּט אִיז עֶר גְעוֶועזֶען זֵייעֶר נִזְהָר אִין דִיא מִצְוָה פוּן צִיצִית, עֶר הָאט דִיא מִצְוָה פוּן צִיצִית אָפּ גֶעהִיט מִיט אַלֶע הַארְצִיגְקַייט אִין דֶער וֶועלְט, פוּן זַיין קִינְדְהַייט אָן, יֶעדֶער מִינוּט הָאט עֶר אִיבֶּער גֶעזֶעהֶען זַיינֶע צִיצִית אוֹיבּ עֶס אִיז ח״ו נִיטָא עֶפֶּעס אַיין פֶּעלֶער אִין זֵייא דָא, אוּנ דֶער קְלֶענְשְׁטֶער פֶּעלֶער וָואס עֶס הָאט זִיךְ גְעמַאכְט הָאט עֶר גְלַייךְ צוּ רֶעכְט גְעמַאכְט.

דִיזֶער יוּנְגֶער מַאן הָאט גְעלֶערִינְט בַּייא אַיין רֶעבִּין אִין דֶער יְשִׁיבָה, פִינְף יָאר מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה, מִיט אַיין מָאל אִיז דֶער גְרוֹישֶׁער גָאוֹן ר׳ זוּנדיל קְרַאנְק גְעוָוארֶען, מֶען הָאט גְענוּג מִיטְלֶען אָן גְעוֶוענְדְ אוּם זַיין לֶעבֶּען צוּא רֶעטֶען, עֶס הָאט

אבער קיין זאך ניט געהאלפען ער איז דאך געשטארבען , װאהרשיינליך האט מען אים בקבר געװעזען מיט גרויס כבוד װיא אים צוא געהער , מען האט געמאכט נאך אים גרויסע הספדים , אונ גאנץ שטאט האבען זייער געקלאגט נאך אים , אובער הויפט זיינע אלע תלמידים האבען זייער יאמערליך געװיינט נאך זייער היילינגען רעבין .

נאך זיין טויט איז אבינדור געװארען צו הויז אויף איינגע װאכען , זיך ארויס צו שלאגען זיין אומעטיקייט אביסיל , זיין היים איז געװעזען צװייא מייל װייט פון זיין רעבין , ער איז זיך געזעסען צו הויז פיר װאכען , נאכהער האט ער זיך באזינען , װאס װעט ער צו רייבין דיא צייט פון לערנען , ער װעט פארן צו ריק אין דער זעלבער שטאט , אונ װעט זיך זעצען לערנען פאר זיך , ער מאכט זיך צו רעכט אונ גייט גיך ארויס אים צוא מאכען זיין רייזע ער גייט מיט גרויסע שריט אריין צו קומען אין דער שטאט עס זאל נאך טאג זיין .

צום אום גליק איז אים אבער דיא װעג זייער לאנג װאס מער ער שפור זיך צו גיין האשטיגער , צו קומען גיכער אין דער שטאט , איז ער נאך אלץ זייער װייט פון דער שטאט , ער זעט נאך קיין שפור ניט פון דער שטאט , עס קומט שוין אן די נאכט אונ ער איז זייער באנגאשען אין שװיים לויפענדיג , אונ די שטאט איז נאך זייער װייט ער קאן זיך ניט פאר װאונדערין װאס איז דא דיא שטאט פאר לארען געגאנגען .

עס איז שוין איין גרויסע שטיק אין דער נאכט אונ ער גייט נאך אלעם פארװערץ , מיט איין מאל דער זעט ער װייטער איין גרויס ארטיגען הויף זייער שיין געצירט מיט איין הויכען פארקען ארום דעם הויף , אונ דיא װעג קומט אויס גראדע דורך דעם הויף

(ר' גבריל) חורר

דורך צו גיין ער ווערט זייער פאר וואונדערט דרויף ער טראכט ביא זיך ער איז דא אין דעם וועג זייער אום פאקאנט אונ ער ווייס זייער גוט אז אויף דיזען וועג דארף קיין הויף גיסט זיין ·

נוא רעכענט ער זיך אז איך האב געווים פאר בלאנזעט אויף איין אנדער וועג דען אזוא ניך קען דאך אזא גרויסער הויף ניט אויס געשטרויעט ווערען ער נעמט גיין צוא ריק ער באטראכט גוט דיא וועג מיט אירע אלע צייכענש עס איז אבער דאך דיא זעלבע וועג , וואס זאל דאס באדייטען קלערט ער ביא זיך זאל דאס קאנען אויס נישטרויעט ווערען אין אזא קורצע צייט אזא גרויסער הויף , דיא וועג איז אבער דאך די זעלבע מן הסתם האט מען דאך אויס געמויערט דעם הויף אונטער דער צייט רעכינט ער ביא זיך ·

ער נעמט גיין דורך דעם הויף ער זעט עס ליגען אין מיטין דעם הויף צוויא גרויסע הינט זייער גרויס אום נאטירליך ער איז דער שראקען געווארען וויא ער האט זייא דער זעהען עס האט זיך אים דיא האר אויף זיין קאפף קאפויער געשטעלט ער שטייט אין גרוים שרעק ער ווייס ניט וואס ער זאל דא אן פאנגען צוא טאן דורך דעם הויף מוז ער דאך דורך גיין אבער ער האט מורא דיא הינט וועלען אים איין שלינגען ער שטייט אונ קלערט איין היפשע צייט אין גרוים שרעק אונ אין אנגשט ·

נאכהער באזינט ער זיך וויא גאט ווערט געבען אזוי וועט זיין ער מוז דאך גיין ער גייט אונ דינע פיש ביינען זיך אונטער אים פאר גרוים שרעק , אבער וויא נאך מער איז ער דער שראקען גיווארען וויא ער האט דער הערט אז מען קלאפט דורך דעם פענצטער פון הויף אז ער זאל אריין קומען ·

(ר׳ זונדיל)

ש

ער שטייט אין מיטען הויף אין גרויס שרעק אונ קלערט וואס זאל ער דא יעצט מאכען וויא ער שטייט אזוא אונ קלערט הערט ער וויא מען רופט אים ביי זיין נאמען אונ מען קלאפט שטארק אין פענצטער ער זאל אריין קומען ·

ער גייט אין הויף אריין מיט גרויס ציטערניש זייגע קרעפטין זיינען אים אנטשטאנדען געווארען קיים וואס ער האט געהאט קרעפטען ארויף צו גיין אויף דיא טרעפף , ער מאכט לייז דיא טיר ער קומט אריין אין איין גרויסען זאל וויער אין שיינעם מיטען זאל שטייט איין גרויסער טיש מיט זיבעציג שטולען ארום , אויף דיא שטולען זיצען גרייז גראע מענשין אונ אפענע ביכער ליגין פאר זייא ·

וויא ער איז אריין גיקומען אין זאל הייסט מען אים צוא גיין נעהנטער צום טיש ער גייט אין גרויס שרעק צוא נעהנטער צוא דעם גרויסען טיש ·

איינער נימט אים אפרעג זאג מיר יונגער מאן וואו חין גייסטו אונ פון וואנען קומסטו דוא ·

דער יונגער מאן ענטפערט מיט גרויס שרעק איך בין אליין פון היר גיט ווייט פון דאנען אונ איך האב גילערינט אין דער ישיבה פון דעם גרויסען גאון ר׳ זונדיל חסיד וואס ער איז מיט פיר וואכען צוריק געשטארבען , בין איך גיוועזין אין דער היים דיא פיר וואכען זיך עטוואס צו פאר רוען אונ יעצט גייא איך צו ריק אין דיא זעלבע שטאט לערנען ·

זאג מיר יונגער מאן איז ער אויך גיוועזין דיין רעבי א חסיד ווירקליך וויא מען האט אים גערופין דען חען מען רופט איינעם חסיד מוז ער דאך אויך ווירקליך אזוא זיין , דען זאנסט האט מען א גרויסען פסק פאר דעם נאמען אליין ·

(ר׳ זונדיל) פיינג

מײנע מײערע העררן ענטפערט זײא דער יונגער מאן ער איז אויך געװעזען אַחסיד װירקליך װיא מען האט אים גערופען דען ער האט ריכטיג אפ געהיט אַלע זאכען װאס אַחסיד דארף אפ היטען ער האט פון מדות חסידת ניט אַראפ גיטראטען ניט אײן האר.

זאג מיר יונגער מאן רופט זיך אפ װידער דער זעלבער װען דוא װערסט אים זעהען דײן רעבין װערשטע אים אויך דער קאנען.

יא זאגט דער יונגער מאן געװיש מעבט איך אים דער קאנען דען ער שטײט נאך מיר פאר פאר אײנע אויגען װיא מיר האבען גילערינט.

אײנער גײט צו צו דיא טיר אונ קלאפט אן אין דער טיר ר׳ זונדיל קומט אַרײן אין דיא מינוט איז גלײך אַרײן ר׳ זונדיל מיט מלית אונ קיטעל אן געטאן װיא מען האט אים מקבר גיװעזען נוא איז דאס דײן רעבי? פרעגט מען אים, יא זאגט דער יונגער מאן דאס איז מײן רעבי. גלײך ניט מען אַקלאפ אין פענצטער אונ דיא זעלבע צװײא הינט קומען אַרײן אונ ראײסען אים איבער אויף צװײא שטיקער, אונ שפרינגען דורך דורך דעם פענצטער מיט אים.

זײן תלמיד װערט זײער צו ציטערט דאס זעהענדיג ער קאן זיך קאם אויף זײנע פיס אויף האלטען.

װאס בינסטו אַזױא צוא שראקען זאגען זײא צוא איהם אויב דוא װילסט װעסטו איהם באקומען נאך אײן מאהל גלײך צוא זעהען מען קלאפט װידער אָהן אין דער טיהר אונ דער זעלבער ר׳ זונדיל קומט װידער אַרײן אין דעם זעלבען געשטאלט

(ר׳ זונדיל) גויא

דיא פארהער ער שטייט איין קליין ווייליע אזוי דיא חינם קומען וויעדער אריין דורך דעם זעלבען פענסטער, און טוען מיט איהם ווידער דיא זעלבע וויא פאריהער אזוי האט מען איהם דריי מאהל געטאהן, צו דעם דריטען מאה האט שוין זיין תלמיד ניט געקאנט מעהר זיך איינהאלטען אזוי פרעגט ביי זיין רבי ליבער רבי איך קאן גאר ניט פאר שטיין איהר זייט דאך געוועזין אזא צדיק תמים ווארום זאהל אייך קומען אזא פסק דאכט זיך אז איהר האט אר קיין זינד ניט געהאט.

מיין ליב קינד ענטפערט איהם זיין רבי דוא זאלסט וויסען אז איך בין ריין פון אלע זינד, נור איין גרויסען זינד האב איך וואס דער פאר טוהט מען מיר אלע טאג אן דיא יסורים, און איך קאן ניט קומען אויף מיין ארט, ביז איך וועל מתקן זיין מיין זינד, און דוא קאנסט מיר ראטעווען פון מיינע יסורים, דוא זאלסט וויסען מען האט ביי מיר איין געלייגט צוויי הונדערט רובל יתומים געלט, נבן געלט, איך האב דיא געלט אוועק געלייגט אונטער מיין בעט אין דער ערד באגראבין, און וויל איך בין פלוצלונג אהן לשון געבליבין האב איך קיין צייט ניט געהאט אהן צו זאגין וואו דאס געלט ליגט, און יעצט קאן דיא הרוגה ניט זיין אהן דיא געלט, און דיא פאר האבין דער פון זייער פיל שמערצין דארום מוז איך לידען דעם שטראף ביז זייא וועלין הרוגה האבין. לכן בעט איך דיר מיין ליב קינד וויא דוא וועסט קומען אין מיין היים זאלסטו זאגין אז מען זאל ארויס נעמען דיא געלט פון דעם ארט און מען זאל אפגעבין אהן דיא פאר וועט גלייך זיין הרוגה וועל איך לויז ווערין פון מיינע צרות, און איך וועל דיר דער פאר אפ דינען.

גלייך וויא ער האט געענדיגט זיינע רייד האט מען איהם וויעדער געטאהן זיין פסק וויא פאריהער.

(ר' זונדיל)

נא

נוא זאגין דיא צו איהם יעצט ווייסטו שאן וואו דוא ביסט היינט זאגט אונז איינענטליך וואס איז מיט דיר וואו האלסטו אין דער וועלט.

ער ענטפערט זייא מיט גרוים שרעק מיינע ליבע חברין וואס זאל איך אייך זאגין איך קאן דאך פאר אייך ניט לייקענען דען דא איז דער ארט וואו מען קאן ניט זיך פאר לייקענען, אונ זיך ניט פאר ענטפערין איהר ווייסט מיינע אלע מעשים ב[illegible]ער פאר מיר אליין איך בין נאך פארלייפיג פעלער האפטיג אין אלע מצות נור זאנדערען איין מצוה קאן איך זאגין האלט איך בשלימות דאס איז דיא מצוה פון ציצית ווייטער וועל איך פערריכטען מיינע אלע מעשים, כל זמן איך לעב קאן איך נאך אלעס מתקן זיין דען איך בין דאך יונג, וואס מעגליך וועט זיין וועל איך פאר ריכטען.

זאג אונז פרעגען זייא איהם אונ דיא מצוה פון ציצית האלסטו ריכטיג בשלימות וויא דוא זאגסט.

יא ענטפערט ער זייא מיט דרייסטיקייט,

נוא וועלין מיר גלייך זעהען, זאגין זייא, קום אהער אונ צייג דיינע ציצית וועלין מיר זעהען אויב דוא זאגסט אמת, דער יונגער מאן נייט צוא אונ זייא נעמען איהם איבער זעהען זיינע ציצית מען געפינט איין ציצת אפסולה, נוא זאגין זייא צוא איהם וואו איז דיינע ריכטיגע רייד, דוא האסט דאך אונז יעצט גיזאגט אז דוא האלסט דיא מצוה פון ציצית בשלימות וויא גייסטו אין אפסולה ציצת.

ער ווערט זייער דער שראקען אונ ער קאן זייא ניט ענטפערין פאר גרוים שרעק.

נוא זָאגְין זַייא צוּא אִיהם צוּא דַייגֶע אַלֶע מַעֲשִׂים הָאבְּין גָאךְ פָאר לייפִּינְג צוּ דִיר גִיט, נוּר פַאר דֶעם לִיגְין תָאם דוּא חָכְם גְעזָאגְט אַז אִין דִיא מִצְוָה פוּן צִיצִית בִּיזְטוּ בִּשְׁלֵימוּת, אוּנְ דוּא בִּיזְט פֶעלִינְג אִין דִיא מִצְוָה גִיוֶועזִין מוּזְטוּ הָאבִּין גְלֵייךְ דִין פְּסַק דֶער פַאר, מֶען גִיט אַקְלַאפּ אִין דֶעם פֶענְסְטֶער, אוּנְ דִיא זֶעלְבֶּע צְוַוייא הִינְט קוּמֶען אַרַיין דוּרְךְ דֶעם פֶענְסְטֶער, אוּנְ אֵיינֶער נֶעמְט אִיהם אַרוֹיס דִיא אוֹיגֶען וַוייל עֶס שְׁטֵייט וּרְאִיתֶם אוֹתוֹ אוּנְ דֶער צְוַוייטֶער הָאקְט אִיהם אָפּ זַיין רֶעכְטֶע הַאנְד, וַוייל עֶר הָאט גִיט צוּ רֶעכְט גִיבַּאבְט דִיא צִיצִית, אִינ עֶר פַאלְט אַנִידֶער אוֹיף דֶער עֶרְד פַאר גְרוֹיס יִסוּרִים, עֶר לִיגְט אַיין רֶעכְטֶע צַייט עֶר וַוייס גָאר נִיט וָואס מִיט אִיהם טוּהט זִיךְ, אוּנ וואו עֶר אִיז דָא אִין דֶער וֶועלְט דֶען עֶר אִיז גַאנְץ צוּ מִישְׁט גְעוָוארֶען פַאר שְׁרֶעק אוּנ פַאר שְׁמֶערְצִין.

נֶעגִין טָאג פָארְט פַאר בַּייא אַיין יוּד וָואס עֶר פָארְט אוֹיךְ אִין דִיא זֶעלְבֶּע שְׁטָאט וואו דֶער יוּנְגֶער מַאן דַארְף זַיין עֶר זֶעהֶעט וִויא אַיין מֶענְטְשׁ לִיגְט אוֹיף דֶעם מִיטֶען וֶועג.

דֶער אִיד דֶער שְׁרֶעקְט זִיךְ זֵייעֶר עֶר גֵייט אַרוּנְטֶער פוּן זַיין פוּהר אוּנ בַּאטְרַאכְט דֶעם מֶענְטְשֶׁען עֶר דֶער קֶאנְט דֶעם יוּנְגֶען מַאן עֶר פְרֶעגְט אִיהם מִיט גְרוֹיס שְׁרֶעק וָואס מִיט אִיהם הָאט פַּאסִירְט וִויא קוּמְט עֶר צוּא אַזַא צוּא שְׁטַאנְד, דֶער יוּנְגֶער מַאן אָבֶּער וִויל אִיהם נִיט פַאר צֵיילֶען דִיא גְעשִׁיכְטֶע וָואס מִיט אִיהם הָאט פַּאסִירְט נוּר עֶר זָאגְט אִיהם אַז רוֹיבֶּער זֵיינֶען אִיהם בַּאפַאלִין אוֹיף דֶעם וֶועג אוּנ הָאבִּין אִיהם דָאס גְעמַאכְט, דֶער אִיד בַּאדוֹיעֶרְט אִיהם זֵייעֶר אוּנ נֶעמְט אִיהם אַרוֹף אוֹיף זַיין פוּהר אוּנ פִירְט אִיהם אִין שְׁטָאדְט אַרַיין, עֶר בְּרֵיינְגְט דֶעם יוּנְגֶען מַאן אִין שְׁטָאט.

עֶר קֶעם דֶעם אִידִין עֶר זָאל אִיהם צוּא פִירְן צוּא דֶעם

(ר' זונדיל) רב

רב אין וויז, דער איד האט אזויא געטאהן ער האט איהם אזא געפירט צוא דעם פאר שטארבענעם רב׳ס הויז ער קומט אריין אין הויז ער געפינט וויא זיין פרויא דיא רעבעצין מיט דיא קינדער וויינען און טרויערן זייער נאך זייער פאטער •

וויא דיא רעבעצין און אלע קינדער האבין דער זעהען דעם יונגען מאן זיינען זיא זייער צוא ציטערט געווארען דען דער אבינדור איז געוועזען ביי זיא אין הויז זייער טייער, איבער זיין גרויס פרומקייט זייא פרעגין איהם וואס איהם האט פאסירט ער דער ציילט זייא אבער נאר קיין מעשה ניט, ער זאגט נור צוא דיא רעבעצין אז מען זאל גלייך וואס צום גיכשטין גיין און ארויס נעמען פון אונטער דעם רב׳ס בעט ליגט אין דער ערד דאס געלט פון דיא חתן כלה וואס מען האט אוועק געלייגט ביי דעם רב צו באהאלטען, און מען זאל דאס גלייך זייא אפ געבין און עס זאל נאך היינט זיין דיא חתונה. מען איז גלייך גינאנגען און מען האט געפונען דיא געלט וואו דער יונגער מאן האט באצייכענט, און מען האט געלאזט רופען דעם חתן מיט דיא כלה, און מען האט זייא אוועק גינעבין דאס געלט און עס איז אויך געוועזין אין דעם זעלבען טאג דיא חתונה מיט גרויס פרייד, דען אלע האבין זיך זייער גיפרייט, און מען האט דעם יונגען מאן מיט טויזענדע דאנקען באשאטין, הכלל עס איז געוועזין פריידען איבער פריידען •

גלייך דיא זעלבע נאכט איז גיקומען דער רב צו חלום צו דעם אבינדרין און האט איהם זייער גידאנקט זיין געזיכט האט גיפלאמט וויא איין פלאם פייער אז דער יונגער מאן האט זיך אין זיין געזיכט ניט געקענט איין קוקען, ער זאגט צוא דעם אבינדרין קום מיין זוהן איך וועל דיר ברענגען

מיין אָרט אין גן עדן אונ נור דיר האב איך צוא דאנקען דוא האסט מיר גליקליך געמאכט ער פיהרט איהם אונ צייגט איהם זיין אָרט אין גן עדן, אונ דער רב נעמט איין גלאז וואשער אונ וואשט אוים זיינע אויגען אונ וואשט איהם אויך אפ זיינע הענט, אונ ער זאגט צוא איהם נוא מיין קינד דוא האסט מיר גיבאטעוועט, דער פאר האב איך דיר געזונד געמאכט דיינע אויגען אונ דיינע הענד אונ אזוא וועסט אוים לעבען דיינע יאהרען תעת זיין ביין אָרט לעבען מיר.

דער יונגער מאן איז אויף געשטאנען פריש אונ געזונד אונ דיא שטאט האבין איהם אויף גענומען פאר א רב אונ ער האט געפיהרט איין גרויסע ישיבה אונ דיא שטאט איז זייער צוא פרידען געוועזין מיט איהם ער האט אוים געלעבט זיינע יאהרען אין גרויס כבוד אונ אין עשירות.

ענדע